סער ענין. די גמרא אין עירובין דף י"ט ע"א דערצעהלט אונז וועגען דעם ענין המשפט בגיהנם און ווי אברהם אבינו איז מציל אפילו די פושעי ישראל, וואָס זיינען מלאים מצות כרמון, ובפרט שומרי תורה ומצות.

דער יחוס פון אברהם אבינו און שארי האבות איז א יחוס כללי, פאראן די וואָס האָבען יחוס פרטי, אָט די וואָס האָבען אבות ואבי אבות צדיקים. אויך חסידים מקושרים, ווען זיי קומען אויפ'ן עולם האמת, איז די ערשטע בקשה: זייט מודיע מיין רבי'ן.

עס זיינען פאראן אזעלכע, וואָס פטר'ן דעם גאנצען גיהנם משפט אין א חודש און נאָכדעם הויבט זיך אָן דער סדר העליות פון וקדושים בכל יום יהללוך סלה, די עליית הנשמה בעילוי אחר עילוי, אָבער הענדיל האָט מעהר ניט ווי א שמעק געטאָן דעם גיהנם. זיינע טרערען אין דאווענען, זיינע הארציגע קאפיטלעך תהלים, זיין אמת'ע אהבת ישראל על דרך החסי־דות, זיין מס"נ און מדות טובות אין מקרב זיין יונגע לייט צו דרכי החסי־דות האָבען איהם מציל געווען מיסורי גיהנם און הויבען איהם מדרגא לדרגא בעילוי אחר עילוי.

די צווייטע שיחה קדושה איז געווען צו די תמימים.

בעפאָר הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק האָט אָנגעהויבען זיין שיחה צו די תמי־מים, האָט ער זיך געווענדעט צו מיר מיט די הייליגע ווערטער:

„היינטיגען ערב ר"ה איז געוואָרען דריי יאָהר פון ערב ר"ה תרנ"ח, קו־מענדיג פון אהל, ווען איך האָב דיר איבערגעגעבען די פיהרונג פון דער ישיבה תומכי תמימים און האָב דיר געמאַכט פאר דעם מנהל פועל הן אין רוחניות און הן אין גשמיות פון דער ישיבה תומכי תמימים.

„דער עם ישראל, איז דער ארץ חפץ פון הקב"ה. אין דעם ארץ חפץ האָט השי"ת אריינגעגעבען דעם כח הצמיחה פון די גילויי אורות תורה ומצות ועבודה שבלב, אַ ישיבה הייסט דער כרם ה', דאָס איז דער גאָרטען וואו עס וואַקסען די אילנות וואָס גיבען פירות.

אוצר החכמה

„דער דין פון א כרם איז, אז מען דארף ניט נהנה זיין פון די פירות, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסען אין די ערשטע דריי יאָהר. די פירות פון די ערשטע דריי יאָהר, ווי גוט זיי זאָלען ניט זיין, זיינען ערלה און זיינען אסור־רים בהנאה. די פירות פון דעם פער־טען יאָהר זיינען רבעי, די פירות זיינען מותר בהנאה, נאָר מען דארף זיי פודה זיין.

„דער כרם ה' פון דער ישיבה תומכי תמימים איז אלט געוואָרען ב"ה דריי יאָר. במשך פון די דריי יאָר זיינען אויסגעוואַקסען אָהן עין הרע גוטע פירות, אָבער ווי גוט זיי זאָלען ניט זיין, זיינען זיי ערלה פירות וואָס זיינען אסורים בהנאה, מען קען פון זיי קיין הנאה ניט האָבען. עס איז גוטע פירות, מען האָט פיעל געלערנט נגלה און מען קען גוט לערנען. אין די ליטווישע ישיבות וואָלט מען אויף זיי זאָגען ווילדע שבחים, עילוים, גרויסע ת"ח, גאונים. מען האָט געלערענט חסידות און מען פאַרשטייט חסידות. עס זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען זיך

עוסק אין עבודה שבלב, עס זיינען גאַנץ גוטע פירות, אָבער עס זיינען ערלה פירות, עס שמעקט מיט גאוה און גסות הרוח און, ועל כלם, החזקת טובה לעצמו.

„דער דין איז, אז די פירות פון די ג' שנות ערלה זיינען אסורים לעולם אפילו נאָך די דריי ערלה יאָהרען און עס העלפט ניט קיין אויסלייזען, ווי דאָס איז מיט די פירות פון פערטען יאָהר. די גאוה און גסות הרוח, אויך די החזקת טובה לעצמו וואָס עס קומט פון לימוד התורה און התעסקות אין עבודה שבלב, דאָס איז ערלת הלב, וואָס דאָס קען מען ניט פודה זיין, ד. ה. מטהר אָדער מכשיר זיין מיט איזה טעם שיהי'. די פירות וואָס אין זיי איז פאראן ערלת הלב איז ווי גוט זיי זאָלען ניט זיין, זיינען זיי אסורים בהנאה לעולם.

„ערלה פירות האָבען ניט קיין אנדער תקנה ווי ביטול און העברה מן העולם, דער ביטול והעברה איז דורך תקון חצות וואָס דמעות מכבסות ווי דער עלטער־זיידע, דער מיטעלער רבי, איז מבאר די ענינים פון חומת בת ציון הורידי כנחל דמעה און היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה, אין זיין ספר דרך חיים.

„איצטער געהט דער פערטער יאָהר אין דעם כרם ה' ישיבת תומכי תמימים. די פירות פון דעם פערטען יאָהר איז בזמן הבית האָט מען באַדארפט מעלה זיין קיין ירושלים; בזמן הגלות באַדאַרף מען די פירות פודה זיין און די מטבע, מיט וועלכער מען איז פודה די פירות רבעי, באדארף מען אריינווארפען אין ים אָדער צורייבען און די צוריבענע ברעקלעך צושפרייטען.

„פירות רבעי זיינען מותר בהנאה, אָבער מיט איינס פון די צוויי תנאים: א) מעלה זיין לירושלים, ירושלים הייסט יראה שלום. ב) פודה זיין די פירות און די מטבע פון דעם פדיון מבטל זיין ביטול גמור".

בשעת דער פאָטער האָט גערעדט וועגען דעם ענין פירות ערלה האָבען כמה פון די תלמידים שטאַרק געוויינט, עס האָבען זיך געגאָסען תשובה טרערען, וואָס דאָס האָט געמאכט א שטאַרקען רושם אויף די אלע, וואָס זיינען בייגעווען.

אַ באַזונדערס שטאַרקען רושם האָבען געמאַכט די דברי קדשו של הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק:

„איך בין מובטח, עס איז פאַראַן בטוח און מובטח, איך רעכען אַז אלע וויסען דעם חילוק פון בטוח ביז מובטח. איך בין מובטח, אז די תלמידים פון תומכי תמימים וואו זיי וועלען זיין — און זיין וועלען זיי בארבע פינות העולם — וועלען זיי מיט מסירת נפש דורכפיהרען די כוונה העליונה פון נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים.

„מנהל פועל — זאָגט מיר דער פאָטער — שטעל אויס די תומכי תמימים צבא, איך וויל מיט זיי טרינקען לחיים אויף דעם כריתות ברית פון עבודה."

ווען איך האָב די תמימים אויסגעשטעלט בראש מיט די משפיעים ומשגיחים, האָט זיך הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק גע'שטעלט און געזאָגט:

„איך מאַך מיט איך, די תלמידים

פון ישיבת תומכי תמימים, וואס לער־
גען איצטער אין אלע מערכות פון דער ישיבה און מיט אלע תלמידים וואס וועלן לערנען במשך הזמן והזמנים, את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה, מאך איך א כריתות ברית השתתפות אויף עבודה, עבודה במסירת נפש, אויף תורה ביראת שמים און עבודה שבלב, אהן ויתורים און אהן פשרות, יקוב הדין את ההר, יקוב הדין דצמצום הראשון את ההר של העלמות והס־תרים, יקוב הדין של פמליא של מעלה את ההר פון די חברה מפיצי השכלה.

„הקב״ה בורא רפואה קודם למכה, הקב״ה האט מקדים געווען די רפואה פון דער התיסדות ישיבת תומכי תמימים פאר דער מכה פון די מלמדים, וואס חברה מפיצי השכלה גיט ארויס. איך בין מובטח, אז תומכי תמימים וועט איבערלעבען די מפיצי השכלה, און די כפירה אין תורה ומצוות, וואס די חברה מפיצי השכלה מאכען, וועלען די תלמידי התמימים מתקן זיין.״

נאכדעם האט הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק געהייסען מכריז זיין מען זאל זיך מכין זיין זינגען דעם אלטען רבי׳נס ניגון — ד׳ בבות — ווי מען האט גערעדט (אין פאר־הקפות שיחה) אז א ניגון איז מרומם ומקשר ובפרט דער ניגון, וואס ער איז מכוון נגד ד׳ אותיות פון שם הוי׳ און נגד ד׳ עולמות אבי״ע הפרטים און אויך נגד ד׳ עולמות אבי״ע הכללים.

„דער זיידע, דער רבי צמח צדק, האט געזאגט אויף דעם ניגון: כל האומר שמועה בשם אומרו יראה כאלו בעל השמועה עומד כנגדו.

„מיין רבי, מיין פאטער — הוד כ״ק אאמו״ר מהור״ש זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע — האט געזאגט, אז בעת מען זינגט דעם אלטן רבי׳נס ניגון — ד׳ בבות — איז א זמן מוכשר אויף תשובה, ווייל דעמאלט איז א עת רצון למעלה, און וואס א עת רצון איז ווייסען חסידים, הגם אין זמני עת רצון זיינען דאך פאראן דרגות, אבער הצד השוה שבהן אז עס איז א עת רצון״.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האט אנגע־הויבען זינגען דעם אלטען רבי׳נס פיער־פעל־ניגון און אלע האבען נאכ־געזונגען מיט גרויס התלהבות, התעור־רות, אהן התפעלות חיצוניות. יעדער איינער איז געווען פארנומען מיט זיך, מיט זיין עבר, הוה ועתיד. דער גרויסער זאל איז פארוואנדעלט געווא־רען אין א יום־כפור׳דיגער ונתנה תוקף שטימונג.

נאכ׳ן ניגון האט זיך הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק א קעהר געטאן צו די תלמידים התמימים און געזאגט:

„תמימים!

„כל היוצא למלחמת בית דוד, כותב גט כריתות לאשתו.״

לכבוד דער 45-יאהריגער חגיגה גיב איך ארויס דעם מאמר, ווי איך האב איהם פארשריבען (זעה זייט 141).

די שיחה הקדושה האט געדויערט — מיט קליינע הפסקות — בערך קרוב צו דריי שעה. עס איז שווין געווען קרוב צו צעהן אזייגער אוונט. הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק האט געבענשט און האט מיר איבערגעגעבען דעם כוס

אוצר החכמה
אוצה״ח 1234567

של ברכה, אז ביים פאַרברייינגען זאָל מען יעדען געבען צו פאַרזוכען פון כוס של ברכת המזון.

מיט דעם באַוואוסטען ניגון כי בשמחה תצאו ובשלום תובלון האָבען מיר אין דער גאַנצער עולם באגלייט הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק צו זיין דירה. נאָכדעם האָבען מיר זיך אומגעקעהרט אין גרויסען זאַל, געדאַווענט מעריב, געמאַכט הבדלה און גענומען חזר'ן די שיחות קדש, וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו הערען במשך פון שמחת תורה.

אין יענער צייט איז געווען איינער, אפילו פון די גאָר יונגע תלמידים, אברהם דוד קלימאוויטשער האָט ער געהייסען. ער איז געווען אַ גרויסער תפסן און אַ בור סוד שאינו מאבד טפה. נאָך איידער ער האָט נאָך געהאַט אפילו די ערשטע יסודות וידיעות פון חסידות, האָט ער שוין אָנגעהויבען צו חזר'ן די מאמרים, וואָס הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק פלעגט זאָגען מדי שבת בשבתו און האָט געשריבען הנחות אויף די מאמרים, און דאָס איז אַלץ מצד זיין אויסערגעוויינלעכן גרויסען כשרון התפיסה. במשך הזמן איז ער געווען צווישען די גרעסטע מצויינים צווישען תלמידי התמימים.

אוצר החכמה

במשך פון דער נאַכט האָבען מיר א חלק גדול פון דער שיחת הקדש איבערגע'חזר'ט און במשך היום פון אסרו חג האָבען מיר שוין געהאַט איבערגע'חזר'ט אַלע שיחות.

די שיחה הקדושה כל היוצא למלחמת בית דוד איז געווען א וועגווייזער אין עבודה פאַר יענעם דור תלמידים פון ישיבת תומכי תמימים, וואָס האָט בעזה"י געבראַכט די גוט-געוואונשענע פירות, הן אין לימוד הנגלה און הן אין עבודה שבלב פון הנהגות טובות.

במשך פון 45 יאָהר האָט דער נר תמיד פון מאורות הבעש"ט נ"ע — די ישיבה תומכי תמימים — געמאַכט פאַרשידענע מסעות אין פאַרשידענע מדינות, און אין יעדער מדינה האָט די ישיבה תומכי תמימים פאַרזייט די זרעוני גינה פון דעם כרם ה', לויט דעם יסוד היסודות פון דעם מייסד הישיבה, הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק.

דעם יאָהר תרס"ג — פינף יאָהר נאָך דער התיסדות ישיבת תומכי תמימים — איז צו פאַרצייכענען אלס דער ערשטער יאָהר, וואָס די תלמידי תו"ת פיהרען שוין געוויסע הרבצת התורה ביראת שמים ארבייט אין פאַרשידענע שטעדט און שטעדטלעך, און רוחה של ישיבת תו"ת הויבט אָן ארומנעהמען מעהרערע תורה-צענטערס. תלמידי תומכי תמימים, וואָס קומען אין א פאַמיליען-לעבען און באַזעצען זיך אין פאַרשידענע ערטער, פאַרנעהמען דעם חינוך אין זייערע הענט.

עס איז אונמעגליך אפילו בקיצור דקיצור איבערצוגעבען דעם תולדות דברי הימים פון ישיבת תו"ת און די אופני עבודה אויף דעם חינוך געביט, אויך אויף דעם הרבצת התורה געביט פון די תלמידי ישיבת תומכי תמימים.

עס איז גענוג צו דערמאָהנען וואָס הגאונים דער חפץ חיים און הגרח"ע זצ"ל האָבען געזאָגט, אז די תלמידי ישיבת תו"ת האָבען און גיבען א רוח חיים אין אַלע ישיבות.

דעם כריתות ברית אויף עבודה און הרבצת התורה ביראת שמים אָהן ויתורים און אָהן פשרות, נאָר מיט מסירות נפש, וואָס הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק האָט כורת געווען מיט די תלמידי התמימים שמחת תורה, תרס"א, האָבען זיי — די תלמידים — דורכגעפיהרט און פיהרען דורך פון דער צייט וואָס די יעווסעקציע האָט אָנגעהויבען רודף זיין דעם דת ישראל, עד היום הזה.

עס איז אונמעגליך צו באשרייבען מיין איבערלעבונג, ווען איך האָב זיך געמוזט מיט זיי קערפערליך שיידען און לאָזען דעם עדת החסידים און וואנדערען אין אנדערע מדינות.

איך קען לעת עתה ניט פאַרעפענטליכען מיינע שריפטען איבער מיינע נשמה־איבערלעבונגען, פאַרלאָזענדיג דעם עדת החסידים און תלמידי התמימים אין רוסלאנד; אויך די איבערלעבונגען פאַרלאָזענדיג עדת החסידים ותלמידי התמימים אין פוילען.

זייענדיג מיט 12 יאָהר צוריק אויף א באזוך דאָ אין לאנד און וויסענדיג די מעלות און חסרונות פון דער אידישער — אפילו די פרומע — הנהגה אין לאנד, וואו א טייל רבנים און שוחטים, מלמדים און בני־תורה שעמען זיך מיט דער באָרד און פיאות, ישיבות און אוניווערזיטעטען צוזאמען, תלמוד תורה'ס מיט מנהלים און מלמדים מחללי שבת און וועלכע לייגען קיין תפילין ניט, אפיקורסים, וואָס זוכען עוקר צו זיין די אמונה בה' ובתורתו ביי די קינדער, און די עלטערע רבנים, וועלכע זיינען יראי אלקים בנוסח אייראָפּע, קענען בעזה"י העלפען אין געוויסע ענינים, אָבער ליידער זיינען זיי אין א שטארקען יאוש און גלויבען ניט, אז זיי קענען מתקן זיין. בין איך באמת געווען פאַרצווייפעלט וואָס צו טאָן, און וואָכען לאַנג האָב איך ניט געקענט באַשליסען צו פאָהרען אַהער אין לאנד.

כמעט מיט דער לעצטער נאָרמאַל־קורסירענדיגער שיף האָב איך באַשלאָסען צו פאָהרען אהער, וויסענדיג פאַראויס די שווערע הרבצת התורה ביראת שמים אַרבייט, וואָס עס שטעהט מיר פאָר. מיין האָפענונג איז געווען, און זי איז, אויף דעם כריתות ברית השתתפות, וואָס הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק האָט מיט מיר און מיט די תמימים געמאַכט שמחת תורה, תרס"א, אויף עבודה בהרבצת תורה ביראת שמים מיט מסירות נפש.

קומענדיג אהער ניך טעג אין אדר שני, ת"ש, האָב איך גלייך גענומען מאַכען געוויסע הכנות אויף אָנצוצינדען דעם נר תמיד פון מאורות הבעש"ט, מייסד צו זיין די ישיבה תו"ת דאָ אין לאנד און, ת"ל, א יישר כח און ברכה מיוחדת לחתני הרב ר"ש שי' גורארי' און איינצעלנע מאנ"ש שי' וואָס האָבען איהם מיטגעהאָלפען, איז ב"ה בשעה טובה ומוצלחת געגרינדעט געוואָרען דאָ אין לאנד די ישיבה תומכי תמימים מיט דער התחלה טובה פון די תלמידי אמעריקא, וואָס האָבען געלערענט אין דער ישיבה תומכי תמימים אין אָטוואָצק.

די אלע אנ"ש וחובבי תורה, וואָס האָבען בעזה"י מיר מיטגעהאָלפען און העלפען מיט, הן אין דער פדיון שבוים ארבייט און הן אין דער הרבצת תורה

ביראת שמים ארבייט, ברוכים יהיו, פארנעהמען אין מיין ספר הזכרונות גאָר אַ חשוב'ען אָרט וברכות יחולו על ראשם. אויך די וואָס האָבען מיר געשטערט און שטערען, הן אין דער פדיון שבוים ארבייט און הן אין דער הרבצת תורה ארבייט, צי בגלוי צי בסתר מיט פארשידענע קליין־פּאָלי־טישע — אָבער גרויס שקר'נישע און אחד בפה ואחד בלב־דריידלעך — פארנעהמען אין מיין ספר הזכרונות א גאנץ ברייטען אָרט. לוידער איז דער עמוד הקלון אין מיין ספר הזכרונות פאר דעם משך זמן, וואָס השי"ת האָט מיך געבראַכט אַהער, צו אַ גרויסער. השי"ת זאָל זיי העלפען אוועקשטעלען זיך בקרן אורה פון תורה ביראת שמים, דאַן וועלען זיי בעזה"י איבער־געשריבען ווערען פון עמוד הקלון אויפ'ן עמוד האור.

לויט די דיני התורה דארפען די ג' שני ערלה ניט זיין קיין פולע דריי יאָהר מיום ליום, נאָר דאָס איז לפי חשבון שנות הבריאה אז עטליכע חדשים פון דעם ערשטען יאָהר און עטליכע חדשים פון דעם דריטען יאָהר איז דאָס גערעכענט פאר דריי יאָהר, וואָס די פירות פון די דריי יאָהר זיינען ערלה פירות, און נאָכדעם הויבט זיך אָן נטע רבעי־פירות, וואָס זיינען מותר בהנאה, מיט איינעם פון די צוויי תנאים: א) מעלין לירושלים. ב) פודין והמטבע ישליכנה לים או ישחקנה ויפזרנה לרוח.

ווי עס איז פריער געזאָגט געוואָרען אין דער שיחה הקדושה של הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק וואָס די פירות פון ג' שני ערלה זיינען און וואָס די עלי' לירושלים און דער פדיון פון פירות רבעי מיינט.

מיט דעם נר תמיד מאורות הבעש"ט ישיבת תו"ת דאָ אין לאנד זיינען מיר בחסדי א־ל עליון אין דעם רבעי יאָהר, וואָס די פירות זיינען ב"ה עולה לירושלים. עס איז תורה ויראת שמים און מיט דער 45־יאָהרי־גער חגיגה פון תומכי תמימים זיינען מיר אויך חוגג די חגיגת מרכז ישיבת תומכי תמימים וסניפי' אחי תמימים אין אמעריקא און קענעדע.

### בס"ד

## מאמר אחד, משיחותיו הקדושות של הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק זצוקללה"ה נבג"ם זי"ע

אשר הואיל לשוחח עם התמימים בסעודת שמחת תורה בשנת תרס"א באולם הגדול הנקרא „זאַל הגדול", במלאת שלש שנים להתיסדות ישיבת תומכי־תמימים.

כל היוצא למלחמת בית דוד כותב גט כריתות לאשתו (שבת נו, א). בית דוד איז דער גילוי פון משיח בן דוד, ווי עס איז ידוע פון דער עליית הנשמה, וואָס דער בעש"ט נ"ע האָט געהאַט און איז געווען אין היכל המשיח און געפרעגט אימתי קאתי מר, האָט איהם משיח געענטפערט: לכשיפוצו מעינותיך חוצה, אז די מעינות פון בעש"ט'ס תורות און דרכי עבודה וועלן זיך פארשפרייטען אויף דער וועלט, דעמאָלט איז אָתי. אָפען גערעדט, דער

ביאת המשיח איז אין א געוויסער מאָס תלוי אין דעם יפוצו מעינותיך חוצה, און דער יפוצו מעינותיך חוצה וועט ברייגנען ביאת המשיח, וואָס דאָס איז דער בית דוד, דער גילוי אור פון משיח בן דוד.

דער בית דוד האָט אָבער מלחמות, הגם אז ורוח אלקים מרחפת על פני המים זה רוחו של משיח, וואָס אין דער כוונת הבריאה איז געווען אז די הנהגה אין גשמי' העולם זאָל זיין ברוחו של משיח, אָבער דורך דעם חטא עץ הדעת און דעם חטא הדורות שהיו מכעיסין לפניו ית', באדארף זיין דער תקון העולם ע"י עבודה און בגמר הבירורים, וועט דער יפוצו מעינותיך חוצה זיין א הקדמה צו ביאת המשיח.

שית אלפי שנין הוי עלמא, שני אלפים תהו, שני אלפים תורה ושני אלפים ימות המשיח. די שני אלפים תורה האָבען באדארפט מתקן זיין די שני אלפים תהו, דאָס הייסט מברר זיין די ניצוצות פון שבירת הכלים דתהו. נאָכדעם זיינען די שני אלפים ימות המשיח, דער גילוי המשיח און דער אלף הששי בכלל זיינען עקבות משיחא. אין דעם יובל וואָס משיח בן דוד קומט איז דעמאָלט דער זמן פון חרפו אויביך ה' חרפו עקבות משיחך.

אמת, איך בין זעהר פאַרהאַרצט אויף דער חברה מפיצי השכלה, וואָס יאָהרען לאנג האלטען זיי אין מסר'ן צו דער ממשלה אויף די אידישע חדרים און מלמדים און ווילען — הי' לא תהי' — עוקר מן השורש זיין דעם אידישען חדר מיט'ן מלמד און חטמא זיין ר"ל די מוחות פון די אי־דישע קינדער מיט כפירה בה' ובתורתו דורך זייערע אפיקורסישע מלמדים און דער ביטערער גייער מכה, משלחת מלאכי רעים די מלמדים פון די חדרים מסוכנים.

איך האָב זיי אלעמען פיינט, תכלית שנאה שנאתים, און איך בין זעהר פאַרהאַרצט אויף זיי. אָבער איך בין זיכער, אז איך זעה דעם ביטערען שינוי לרע און די צרות וואָס זיי וועלען ברייגנען אויפ'ן כלל ישראל, און נאָכדעם דער זיסער סוף פון דעם עקבות משיחא יובל, וואָס וועט ברייג־גען ביאת המשיח. נאָר במשך פון דעם עקבות משיחא יובל באַדאַרף מען האָבען די מלחמת בית דוד.

איך לעהרען דעם מאמר אם ראית דור אחר דור מחרף צפה רגליו של משיח ומאי טעמא אשר חרפו אויביך ה' אשר חרפו עקבות משיחך ומה כתי' בתרי' ברוך ה' לעולם אמן ואמן, אם ראית דור אחר דור מחרף, דער ערשטער דור מחרף זיינען די חברה מפיצי השכלה בתי ספר און די חדרים מסוכנים־מלמדים, וועלכע וועלען אויס־האָדעווען דעם צווייטען דור מחרפים ומגדפים וואָס זיי וועלען ברייגנען די חבלי משיח אויף דער וועלט און אויף אידען, און אויף דעם באדארף מען האָבען די מלחמת בית דוד, שטאַרקען די אמונה אין דער גאולה שלמה דורך משיח'ן און לייכטער מאַכען די חבלי משיח.

אין דעם רע פון עקבות משיחא זיינען דאָ צוויי דרגות.

איינער אין אויביך ה', מענשען וואָס זיינען אויבי ה', אָט די אלטע אפי־

אוצר החכמה

קורסים, משכילים, די חברי מפיצי השכלה, אפיקורסישע מלמדים פון די חדרים מסוכנים און זייערע תלמידים, אַט דער פריהער דערמאָהנטער דור השני פון די מחרפים וואָס זיי אַלע זיינען אויבי ה' און כל ענינם איז מחרף זיין את ה' ותורתו.

אוצר החכמה

די צווייטע דרגא מענשען, וואָס טראַכטען אין דעם ענין פון עקבות משיחך. די אויבי ה' גלויבען דאָך אין קיין זאַך ניט, זיי גלויבען ניט אין השי"ת, זיי גלויבען ניט אין תורת ה', לאַכען אויס די מצות ה' בכלל און די אמונה אין ביאת המשיח בפרט, אָבער די צווייטע דרגא זיינען בכלל מאמינים בה' ובתורתו נאָר אָהן קדושת התורה.

פאַראַן אַזעלכע, וועלכע זיינען מאמי-נים אין א גאולה בכח עצמו, אַט אַזוי ווי די נייע חברה, וואָס דרעהען איבער דעם פסוק בונה ירושלים ה' נדחי ישראל יכנס, און זאָגען אז די נדחי ישראל וועלען יכנס'ן און זיי וועלען זיין די בונה ירושלים. הלואי זאָלען זיי ניט גורם זיין ח"ו א נייעם חורבן רוחני וגשמי, השי"ת ישמרנו מהם ומהמונם.

אין דער צווייטער דרגא וואָס זיי זיינען חרפו עקבות משיחך איז פאַראַן כו"כ סוגים שונים ביז גאָר פיינע בני תורה און זיינען שוואַך אין אמונת הגאולה. די אפילו זיינען דאָס מבאר מיט טעמים פון יראת שמים, אָבער באמת איז דאָס אַ חלישות אין דער ביאת המשיח אמונה.

די מלחמת בית דוד באַדאַרף האָבען איהר טכסיס, לא בחיל ולא בכח כ"א ברוחי. חיל און כח איז מוסר ותוכחה, און רוחי איז פנימי' התורה, חסידות, א השגה אלקית און עבודה שבלב.

מען באַדאַרף לערנען נגלה בעיון, רב, וויסען יעדער סוגיא מיט אַלע פרטי הסברות, דבר דבר על אופנו, פון דעם יסוד הרמז פון דער הלכה ווי זי איז אין תושב"כ און ווי די הלכה איז בקיצור נמרץ אין דער משנה און ווי דער ענין ווערט נתבאר באריכות הפלפול אין דער גמרא און ווערט נתפרש אין רש"י און די שיטת התוספות, גוט אריינטראַכטען אין סגנון הלשון פון דעם רמב"ם, די חדושים וואָס דער רשב"א איז מחדש, וויסען ווי די הלכה קומט אין טור ובית יוסף און פאַרטיפען זיך אין סגנון הלשון פונ'ם רבי'נס שלחן ערוך.

אָבער נאָך אַלעס דעם מוז מען וויסען, אז דאָס איז גליא שבתורה, וואָס די גליא האָט א פנימי' און די פנימי' איז דער חיות פון דער גליא און דער ריכטיגער אָפלייג פון השגה אלקית איז נאָר אין עבודה שבלב.

תמימים זיינען די, וואָס באַדאַרפען דינען אין מלחמת בית דוד, זיי זיינען אַט די, וועלכע מוזען ראַטעווען דעם מצב פון כלל ישראל אין דעם עקבות משיחא יובל פון די אויבי ה', די חברה מפיצי השכלה און די תלמידים פון די חדרים מסוכנים און תלמידי תלמידיהם, די מחרפי ה', און די מחרפי עקבות משיחך.

היוצא למלחמת בית דוד כותב גט כריתות לאשתו. אין גשמיות איז דער סדר אז א איש הצבא מוז זיין א געזונטער. ניט נאָר ער זאָל ניט זיין

קיין בעל מום, נאָר ער זאָל זיין אַ געזונטער אין זיינע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, ווייל אַ איש הצבא בכּדי ער זאָל זיין אַ בן חיל, באַדאַרף זיין א געזונטער, אזוי איז אין גשמיות ומכל שכן אין רוחניות.

דער איש הצבא וואָס מען דאַרף האָבען למלחמת בית דוד באדאַרף זיין א געזונטער. עס איז ניט גענוג, וואָס ער איז ניט קיין בעל מום אין די רמ"ח אברים, וואָס דאָס זיינען רמ"ח מ"ע און די שס"ה גידים, וואָס דאָס זיינען די שס"ה מל"ת. ער באדאַרף זיין א בעל כח, האָבען א שטאַרקייט אין עבודת השי"ת און אין יראת שמים.

חסידות רופט די דאָזיגע שטאַרקייט בשם איתן. איתן איז דער טייטש שטאַרק און האַרט. אין שטאַרק זיינען פאַראַן דרגות — שטאַרק און נאָך שטאַרקער; אין האַרט זיין קיין דרגות ניט פאַראַן. עס איז האַרט וואָס עס איז ניט פאַראַן קיין האַרטער. דאָס מיינט ווען די האַרטקייט אין יראת שמים וואָס כל הרוחות שבעולם וועלען איהם ניט ריהרען פון זיין פּלאַץ אין תורה ועבודה און דער איז דער אמת'ער בעל מסירת נפש און קיין מונע ומעכב און קיינע נסיונות וועלען איהם ניט שטערען זיין עבודה.

אָט אַזאַ איש הצבא איז דער בן חיל אין מלחמת בית דוד וואָס קען און וועט ראַטעווען דעם מצב ישראל פון די אויבי ה' און די חורפי עקבות משיחך דורך הרבצת התורה ביראת שמים און דורך התעוררות לתשובה.

אום צו זיין א איש הצבא אין מלחמת בית דוד מוז מען תחלה שרייבען א גט כריתות צו די אלע גופניות'דיגע זאכען, ווי די וועלטליכע מענשען זיינען זיך נוהג, און איבערגעבען זיך צו דער הנהלה פון תומכי תמימים, וועלכע איז מחנך און מדריך אנשי צבא פאר מלחמת בית דוד.

די רז"ל זאָגען, אז קודם ביאת המשיח וועלען זיין חבלי משיח. די חבלי משיח וועלען זיין הן אין גשמיות און הן אין רוחניות. עס איז זעהר מאוים'דיג, וואָס די רז"ל זאָגן אויף יענעם זמן.

תמימים! די וועלטליכע הנחות און דער וועלטליכער רוח, אפילו פון די שומרי תורה ומצוה, זיינען קאלט און שמעקען מיט כפירה, ווייל צווישען קעלט און כפירה איז נאָר א דינע מחיצה, און די לא זכה'ניקעס, וואָס זיינען געביך פאַר'סמ'ט מיט דער גאוה פון די אייגענע חדושי תורה, געפינען כמה מאמרי חז"ל וואָס מאכען זיי אליין קאלט און מאַכען קאַלט אידען מיט דער פשטות פון תורה, אַז תורה דאַרף מען לערנען מיט די פשטות פון שכל אנושי.

עס שטעהט כי הוי' אלקיך אש אוכלה הוא, אלקות איז פלאם פייער, לערנען און דאווענען באדאַרף מען מיט התלה־בות הלב, אז כל עצמותי תאמרנה די דברי ה' אין תורה ותפלה.

ווען א חסיד לערנט תורה באדאַרף אין זיין מחשבה פנימית ליגען די ווערטער, אַז תורה איז חכמתו ורצונו ית' און בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים, מה להלן באימה וביראה ברתת ובזיעה, אף כאן באימה וביראה ברתת ובזיעה, ער — דער חסיד —

אוצר החכמה
אה"ח 1234567

האָט געהאַט אמת'ן יראת הכבוד פאַר דעם נותן התורה ב"ה, וואָס ער האָט געהערט און געפילט אין תורה.

אַז א חסיד האָט געדאַוונט איז אין זיין פנימי' המחשבה געלעגען די ווערטער דע לפני מי אתה עומד. אין אנדערע שוהלען איז דער מאמר אויפגעשריבען אויפ'ן עמוד, דע לפני מי אתה עומד, אַז דער עמוד זאָל וויסען פאַר וועמען ער שטעהט. אין חסידישע שוהלען איז דער דע לפני מי אתה עומד ניט אויפגעשריבען אויף דעם עמוד, נאָר חקוק אין מוח און אין הארצען.

ביי א חסיד איז ענטפערען אמן, אמן יהא שמי' רבא און זאָגען ברוך הוא וברוך שמו א עולם ומלואו. דער חסיד באדארף דערהערען און דערהערט דעם אל מלך נאמן וואָס איז די נשמה פון דעם אמן, א חסיד באדארף דערהערען און דערהערט דעם פי' המלות פון ברוך הוא וברוך שמו אַז דאָס איז דער אתה הוא הוי' לבדך וואָס לפני הצמצום, אַז ברוך הוא איז אתה הוא, און ברוך שמו איז דער שם הוי' וואָס לפני הצמצום און אין דער התבוננות וואָס איז אין דער השגה פון ברוך הוא וברוך שמו איז א חסיד משיג דעם יתרון וואָס עס איז פאַראַן אין דעם ענין פון ברוך הוא וברוך שמו לגבי דעם ענין פון אתה הוא הוי' לבדך.

אלע וועלכע האָבען געלערענט און לערנען חסידות בהעמקת הדעת אדעתא דנפשי', ניט ווי די חסידישע בעלי בתים טרינקען קאַווע אָדער ציקאָריע שבת אינדערפריה און קוקען אריין אין תורה אור אָדער לקוטי תורה און זיי פאַרגעסען אויף דעם מאמר הרשב"י ע"ה כל ת"ח שאומרים דבר שמועה מפיו בעוה"ז שפתותיו דובבות און אויף דעם מאמר הידוע כל האומר דבר בשם אומרו יראה כאילו בעל השמועה עומד כנגדו.

אַז מען לערנט תורה אור אָדער לקו"ת איז שפתי קדש פון דעם אלטען רבי'ן, פון עלטער זיידען דעם מיטעלען רבי'ן, פון דעם זיידען דעם צמח צדק זיינען דובבות בקבר. ווען מען לערענט תורה אור אָדער לקוטי תורה זיינען די בעלי השמועה, דער אלטער רבי, דער עלטער זיידע דער מיטעלער רבי, דער זיידע דער רבי דער צמח צדק, שטייען לעבען אים. דער פחות שבפחותים אין עדת החסידים וועט ניט האָבען די גראָבקייט צו זיצען און טרינקען קאַווע ווען די נשמות קדושות פון די הייליגע רביים זיינען נעבען איהם.

די חסידישע בע"ב זיינען ניט שולדיג, די קאַלטע סביבה פון דער מצות אנשים מלומדה'דיגער וועלט האָט אויף זיי זעהר א שלעכטע השפעה, אַז אלץ ווערט ביי זיי קאַלט, מען לערענט קאַלט, מען דאַווענט קאַלט, מען זינגט קאַלט, מען טאַנצט קאַלט, עס איז א ים הקרח, אלץ איז ביי זיי פאַרפרוירען, אפילו דער חסידישער דופק קלאַפּט אויך שוואַך און האלב פאַר'חלש'ט.

חסידות באדארף מען לערנען מיט א חיות, אָהן שטורעם חיצוני, אָהן קולי קולות, אָבער מיט א חיות פנימי, אַז ניט נאָר וואָס ער לעבט אין דעם ענין און השגה אלקית וואָס ער לערענט, נאָר דער ענין לעבט אין אים.

דער עיקר ענין פון לימוד החסידות